**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול באגרוסט DEC װאלד רעינדזשער מאנשאפט זיך צוריקקערנדיג פונעם באקעמפן וואלד פייערן אין קאנאדע**

***דריטע ערפאלגרייכע רעינדזשער מיסיע דעם זומער***

גאווערנער קעטי האקול האט הייט ענטפאנגען צוריק אהיים די וואלד רעינדזשערס פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( ,Department of Environmental Conservation DEC) וועלכע האבן פארברענגט צוויי וואכן באקעמפנדיג וואלד פייערן אין קאנאדע. מיט די רעינדזשערס האבן זיך אנגעשלאסן וואלד פייער לעשער פון מעין, ניו העמפשיר און ווערמאנט. די רעינדזשערס האבן זיך אומגעקערט זונטאג, יולי 16, נאכן פארברענגען 14 טעג אין קוויבעק ארבעטענדיג אויף מערערע פייערן.

"ניו יארקער פארשטייען צו גוט די סכנות'דיגע השפעה וואס די רויעך פון די קאנאדישע וואלד פייערן האט אויף די טאג-טעגליכע לעבן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זענען מזל'דיג צו האבן העלדישע מענטשן וועלכע זענען גרייט צו ארויפשארן די ארבל און העלפן די וועלכע זענען אין נויט, און איך באדאנק אונזערע קוראזשפולע פייער לעשער וועמען'ס באמיאונגען זענען קריטיש ביים ברענגען די וואלד פייערן אונטער קאנטראל."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "נישט קיין חילוק וואס די קריזיס איז זענען DEC וואלד רעינדזשערס שטענדיג גרייט צו העלפן. אין דעם פאל האבן זיי פארברענגט 14 טעג אין מיטן רויעך און פלאמען צו העלפן אונזערע שכנים און אויך ניו יארקער וועלכע ליידן פון שלעכטע לופט קוואליטעט. איך באדאנק אונזערע עקספערטן אין וואלד פייערן און אינצידענט קאמאנד פאר זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט און מסירות נפש."

מאנשאפט הויפט רעינדזשער גערי מילער האט געפירט נאך זיבן רעינדזשערס אלץ א חלק פון א וואלד פייער לעשער מאנשאפט פון 20 מענטשן וועלכע זענען געשיקט געווארן צו די פייער אין מיקווע וואס האט פארברענט אומגעפער 40,600 אקער. די מאנשאפט האט אריינגערעכנט:

דעיוויד קארי - עסעקס און פרענקלין קאונטיס
לינקאלן הענאָו - הערקימער און לואיס קאונטיס
האַווערד קרעפט - אָלסטער קאונטי
גערי מילער - העמילטאן קאונטי
דזשאָוסעף פריס - דאָטשעס און פאָטנעם קאונטיס
לאָוגען קווין - עסעקס קאונטי
דזשאן סקאט - סופאָלק קאונטי
נעיטען ספרעיג - קעטערעגוס קאונטי

אריבער קאנאדע האבן מער פון 4,000 פייערן פארברענט א געשאצטע 23.7 מיליאן אקער. אום יוני 2 איז איין וואלד רעינדזשער ארויסגעשיקט געווארן אלץ א מאנשאפט הויפט צו נאָווע סקאָושע. אום יוני 8 האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז א מאנשאפט פון זיבן DEC וואלד רעינדזשערס ווערן ארויסגעשיקט צו ארויסהעלפן מיט די באמיאונגען צו העלפן ברענגען די וואלד פייערן אין קוויבעק אונטער קאנטראל. אין דעם זעלבן צייט האט ניו יארק סטעיט זיך געפונען אונטער א לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזארי צוליב די רויעך פון די וואלד פייערן וועלכע האבן אריבערגעפארן סטעיט גרעניצן און וועלכע האבן פאראורזאכט באדייטנדע לופט קוואליטעט פראבלעמען.

סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג און די העלט דעפארטמענט ( Department of Health, DOH) גיבן ארויס לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס ווען DEC וועטער עקספערטן זאגן פאר אז די שטאפלען פון לופט פארפעסטיגונג – צום ביישפיל צוליב אָזאָון אדער דינע שטויב פון רויעך (PM2.5) אין די לופט – זענען ערווארטעט איבערצושטייגן א פעדעראלע לופט קוואליטעט אינדעקס (Air Quality Index, AQI) פון 100. די AQI וואגשאל איז אוועקגעשטעלט געווארן אלץ א גרינגע וועג צו קענען פארגלייכן שטאפלען פון פארשידענע סארטן פארפעסטיגונג מיט איין ציפער, ווען די געזונטהייט זארג איז העכער אלץ העכער די AQI איז. די לעצטע AQI שאצונגען קען געזעהן ווערן דא.

די דריי מיסיעס זענען די ערשטע מאל וואס ניו יארק סטעיט וואלד רעינדזשערס זענען ארויסגעשיקט געווארן קיין קאנאדע זינט די וואלד פייערן אין קוויבעק אין 2005. אין 1979 האט ניו יארק ארויסגעשיקט איר ערשטע פייער-קעמפער מאנשאפט, ארויסצוהעלפן מערב סטעיטס מיט ריזיגע ווילדפייערס. אין דורכשניט ווערן איינס צו צוויי מאנשאפטן ארויסגעשיקט לויט ווי עס פעהלט זיך אויס צו ארויסהעלפן מיט וואלד פייערן כמעט יעדעס יאר. אין צוגאב צו העלפן ברענגען וואלד פייערן אונטער קאנטראל און מינימיזירן שאדנס טוהען די מאנשאפטן זיך איינשאפן ווערדפולע ערפארונג וואס קען גענוצט ווערן צו באקעמפן וואלד פייערן און באהאנדלען אלע סארטן סכנות'דיגע אינצידענטן אין ניו יארק.

אויסגאבן פון די ארבעטסקראפט און פון די רייזעס פון די ניו יארקע מאנשאפטן ווערן באצאלט אדער דירעקט דורך די פאראייניגטע שטאטן וואלד סערוויס (Forest Service) אדער צוריקגעצאלט צו ניו יארק סטעיט אונטער א געמיינזאמע הילף אפמאך צווישן סטעיטס און פעדעראלע לאנד אגענטורן.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן